# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון ע"ד – פר' אחרי קדשים תשס"ט לפ"ק | כיתה ח' ט'


### תשנט) עס דערציילט אונזער מחותן
## הרה"ח ר' משה ווייסבערג הי"ו

עס איז געווען א גוי וואס פלעגט כאפן פיש, עס איז געווען איינמאל צווישן פורים און פסח בשעת ווען די וואסערן לאזן זיך אויף און דעמאלטס איז זייער שווער צו כאפן פיש צוליב די גרויסע שטיקער אייז וואס שווימען אויף די וואסער.

דער גבאי פון הרה"ק ר' ישעי'לע קערעסטירער זי"ע (וואס די יארצייט איז געווען דעם פארגאנגענע וואך מאנטאג ג' אייר) איז געקומען צום פיש-כאפער און געבעטן פיש פארן רבי'ן אויף שבת, האט דער גוי געזאגט אז עס איז נישטא קיין פיש, ווייל דאס וואסער לאזט זיך יעצט אויף און די אייז מאכט אוממעגליך צו כאפן פיש.

דער גבאי איז צוריק געגאנגען און ער האט דערציילט פאר רבי ישעי'לע וואס דער גוי זאגט. האט אים רבי ישעי'לע געהייסן צוריק גיין און זאגן פארן גוי אז 'ישעי'לע האט געהייסן כאפן פיש'. ווען דער גוי האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן 'אז ישעי' הייסט גייט מען'...

און ער איז געגאנגען כאפן פיש, און ער האט באלד אנגעפולט א גאנצן קארב מיט פיש... (ארי' פרילענדער, זאב וואלף פרידלענדער)

### תשס) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' הלל ווייס הי"ו

זיין טאטע הרה"ח ר' משה יודא (יודא'לע) ווייס ע"ה האט אים דערציילט אז ווען זיין מחותן, אונזער עלטער זיידע יבדלחט"א ר' שלמה גבריאל פליישמאן הי"ו (דער שווער פון זיידן ר' הילל הי"ו) האט נאך געוואוינט אויף דער איסט-סייד האט ער איהם אמאל באגעגענט, און ער האט אויסגעקוקט זייער באזארגט און צוטראגן.

האט ער געזעהן ווי הרה"ח ר' יעקב הכהן פריעדמאן ע"ה (יפ"ה) גייט צו צו איהם און געפרעגט פארוואס ער איז אזוי באזארגט, אפשר קען ער איהם מיט עפעס העלפן, ווייל ער האט געוואוסט אז ער האט א גרויסע שטוב מיט קינדער, האט ער זיך פארגעשטעלט אז מסתמא דרוקט אים עפעס חובות וכדומה.

האט אים ר' שלמה גבריאל געענטפערט "ניין ב"ה אלעס איז אין בעסטן ארדענונג, נאר איך האלט יעצט אינמיטן א שווערע משנה אין מסכת כלאים וואס איך פארשטיי נישט, דעריבער בין איך אזוי פארקלעמט"... (ישראל מאיר שפילמאן)

### תשסא) עס דערציילט מיין זיידע
## הרה"ג ר' מאיר יודא קטינא שליט"א ר"מ בישיבה"ק

זיין עלטער-זיידע הגה"צ רבי יעקב קטינא זצ"ל בעמח"ס קרבן העני, רחמי האב, איז געווען דיין אין חוסט, אויסער דעם האט ער געהאט א ישיבה אין חוסט, און ער פלעגט ארומפארן איבער די מארמאראשער געגענט און צוזאמען גענומען בחורים פון ארימע שטובער וואס האבן נישט געקענט אנגענומען ווערן אין די געהעריגע ישיבות, און ער האט מיט זיי געלערנט תורה.

האט דערציילט א תלמיד אז איינמאל דאנערשטאג נאכט הערט מען פון די קאך ווי איינער שרייט "ראטעוועט מיך!". מ'איז אריינגעלאפן אין די קאך זעהן וועמען מ'דארף ראטעווען האט מען געזעהן ווי א קאץ האט זיך אריינגעכאפט אין שטוב און שטייט נעבן די טאפ וואו די פיש האט זיך געקאכט לכבוד שבת, און די פיש האט געשריגן אז מ'זאל איר ראטעווען כדי די קאץ זאל איר נישט אויפעסן.

ווי פארשטענדליך האט מען פארטריבן די קאץ, און גרייט געמאכט די פיש לכבוד שבת.

דער שטאטס רב איז געווען דער מהר"ם שיק זצוק"ל, ווען ער האט געהערט פון די מעשה האט ער געבעטן מ'זאל אים אויך ברענגען פון די פיש, ווייל ער וויל דאס עסן אויף שלש סעודות. זי"ע (ישראל שלום מארקאוויטש).

### תשסב) עס דערציילט מיין עלטער באבע תחי' אשת
## הרה"ח ר' יודא ציממערמאן ע"ה

איר זיידע ר' אלעזר שפאן ע"ה האט געוואוינט אין שטאט אין טשעכיי, און ער איז געווען א חסיד פון הגה"ק בעל חקל יצחק זצ"ל דער ספינקער רבי, וועלכער האט געפירט זיין הויף אין סעליש.

ר' אליעזר האט געהאט א לאמבער-יארד, און אונטער זיין הויז האט ער געהאט א געביידע וואס האט געהאט א דעכל אן קיין ווענט, און עס האט זיך געהאלטן אויף פיר זוילן, און דארט האט ער געהאלטן זיין האלץ.

ווען דער ספינקער רבי איז אמאל געווען אין דעם שטאט פאר דריי וואכן האט ער געהאט ביי אים די אכסניא, דער זיידע האט לכבודו אויסגעליידיגט די געביידע פון האלץ, און דער ספינקער רבי האט דארט געפירט טיש.

די באבע תחי' איז דעמאלטס אלט געווען פינף יאר, זי געדענקט ווי דער ספינקער רבי האט איר די ערשטע געבענטשט, ער האט ארויפגעלייגט א טאש טיכל אויף איר קאפ און איר געוואונטשן "לאנגע געזונטע יארן".

זי האט באקומען שיריים א קעז-דעלקעלע, (זי דערציילט אז זייענדיג א קליין קינד האט זי נישט געוואוסט וואס עס מיינט שיריים, און זי איז נישט געווען צופרידן אז זי האט באקומען אזא קליינע...) (יודא קליין, נפתלי חיים קליין)

### תשסג) עס האט דערציילט מיין עלטער זיידע
## הגה"צ רבי שמעון זאב מיללער זצ"ל אב"ד אראד

איינמאל ווען ער האט געהאלפן זיין מאמע ע"ה האט ער צוהאקט א שטיק האלץ אז מ'זאל קענען דערמיט איינהייצן דעם אויוון, איז א שפענדל אים געשפרינגען אין קאפ, און עס איז אריין אינעווייניג.

ער האט דאס נישט ארויסגענומען קיינמאל זאגנדיג אז ער וויל אז עס זאל אים בלייבן א סימן פארן בי"ד של מעלה אז ער האט מקיים געווען מצות כיבוד אם. זי"ע. (שמעון זאב יאקאבאוויטש)

### תשסד) עס דערציילט מיין עלטער זיידע
## הרה"ח ר' פישל פריעדמאן שליט"א

בשנת תרצ"ה לפ"ק ווען איך האב געלערנט אין די ישיבה פון כ"ק רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע אין סאטמאר, האט מיך דעם רבי'נס איידעם כ"ק הגה"צ דער סעמיהאליער רב זצ"ל געשיקט אז איך זאל טראגן משלוח מנות פארן ביקסאדער רבי'ן זצ"ל.

אנקומענדיג צום ביקסאדער רבי'ן האב איך אים געזאגט אז איך גרייט זיך צו פארן קיין שאמקוט מארגן שושן פורים, ווייל מיין ברודער הרה"ח ר' ישראל יעקב ע"ה האט דעמאלטס חתונה געהאט.

זאגט מיר דער ביקסאדער רבי "א בחור ברויך נישט פארן צו קיין חתונות".

נאכדעם האט ער געזאגט אז אויב איך וועל לערנען כך וכך בלעטער גמרא, מעג איך יא פארן צו די חתונה. (אהרן אלעזר הלוי רובינפעלד)

### תשסה) עס האט דערציילט מיין עלטער זיידע
## הרה"ח ר' שלמה בראנדסדארפער ז"ל בעמח"ס שבט יהודה

אין די מלחמה יארן איז ער געווען באהאלטן מיט זיין משפחה, ער האט געדארפט ארומוואנדערן פון איין דארף צום צווייטן זוכן באהעלטענישן, און איבעראל וואו ער איז אנגעקומען האט ער אויפגעזוכט די נאנטסטע טייך, און ער פלעגט זיך ארויסכאפן יעדן אינדערפרי און זיך גיין טובל'ן אין טייך.

ווען ער איז איינמאל אנגעקומען אין א ניי שטעטל איז ער באלד געגאנגען זוכן דעם טייך, כדי ער זאל באלד מארגן אינדערפרי זיך קענען טובל'ן אין טייך.

זיין סדר איז געווען אז יעדעס מאל וואס ער איז געגאנגען צום טייך, פלעגט ער חזר'ן משניות נשים, און לויט דעם צאל וויפיל פרקים ער האט גע'חזר'ט האט ער געוואוסט ווילאנג עס נעמט דער וועג צום וואסער.

איינמאל האט ער טאקע פארבלאנדזשעט פון וועג, זעהנדיג אז ער האט נישט געענדיגט לערנען די צאל משניות האט ער פארשטאנען אז ער איז נישט אויפן ריכטיגן וועג, איז ער צוריק געגאנגען און איבערגע'חזר'ט די ריכטיגע צאל משניות ביז ער איז אנגעקומען צום טייך. (יעקב הכהן פריעדמאן)

## תשסו) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' אברהם יצחק סאנדעל הי"ו

אין די צייטן פון די צווייטע וועלט מלחמה איז ער געווען אין לאגער, אבער ער האט נישט געהאט קיין באשטימטע ארבעט וואס ער האט געדארפט טון, איז אויסגעקומען אמאל ווען ער האט זיך ארומגעדרייט ליידיג און גארנישט געטון.

פלוצלונג קומט אן דער הויפט פון זיין באראק, יענער איז ליידער געווען א אפגעפארענער איד, און ער פרעגט אים "וואס זוכסטו דא? פארוואס ביסטו נישט ביי די ארבעט", האט ער געענטפערט אז ער האט נישט קיין באשטימטע ארבעט, און ער ווייסט נישט וואו ער דארף צו גיין.

זיי זענען געשטאנען נעבן א טייך, און דער רשע כאפט אים אן און שטופט אים אריין אין טייך.

דער זיידע דערציילט "איין מזל האב איך געהאט אז האב געקענט גוט שווימען, בין איך דורכגעשווימען דעם טייך און ארויסגעגאנגען פון די אנדערע זייט, ווי גלייך גארנישט וואלט געווען. (אשר אנשיל עקשטיין, שמואל זיינוויל סאנדעל, הערשל סאנדעל, אלימלך סאנדעל, ליפא בראך, משה שמואל בראך, בנימין סאנדעל)

## תשסז) עס דערציילט מיין זיידע
## כ"ק הגה"צ ממעלבארן שליט"א

אלס קינד איז ער געפארן מיט זיין טאטן קיין בעלזא צו הרה"ק רבי ישכר דוב זצוק"ל, און ער האט זוכה געווען צו באקומען פון אים א ברכה אז ער זאל מצליח זיין אין לימוד התורה.

נאכדעם האט ער זיך געשטעלט ביים עק טיש קעגן איבער דעם בעלזער רב, ווילנדיג באטראכטן די צורה פונעם צדיק בשעת ווען ער געזעגנט דעם עולם. די גבאים האבן אים אבער געוואלט משלח זיין פון דארט, האט דער בעלזער רב געוויזן מיט די האנט "לאזט אים, לאזט אים, שטערט אים נישט". (מנחם שלמה אשכנזי)

## תשסח) עס דערציילט מיין זיידע
## הרה"ג ר' ארי' לייביש טייטלבוים שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד ויואל משה

עס איז אמאל אריינגעקומען א איד צו כ"ק הרה"ק ר' יענקעלע מפשעווארסק זצ"ל און ער האט זיך אויסגערעדט אז ער האט זייער א שווערן משפט, און עס ווארט אים לאנגע יארן תפיסה.

האט אים רבי יענקעלע געזאגט אז ווען ער גייט צום משפט זאל ער זיך אנטון א שטריימל.

דער איד האט נישט פארשטאנען וואס רבי יענקעלע האט געזאגט, און עס איז געווען א פלא וואס ער האט אים געהייסן אנטון א שטריימל, האט ער געטראכט ביי זיך אז דער רבי האט אבי געזאגט, ווייל עס איז שוין געווען אויף די עלטערע יארן ווען מ'האט אסאך מאל נישט פארשטאנען קלאר וואס ער מיינט.

למעשה האט דער איד נישט אנגעטון דעם שטריימל, און ער האט פארלוירן דעם משפא, אבער דער שופט האט געזאגט אז צוויי וואכן ארום וועט ער דאס נאכאמאל באטראכטן און דעמאלטס ארויסגעבן דעם פסק.

דער איד האט דאך גוט געציטערט פונעם משפט, האט ער געטראכט ביי זיך אז ער וועט יא פאלגן וואס רבי יענקעלע האט געהייסן און ער האט אנגעטון דעם שטריימל ביים משפט.

לפלא איז געווען ווען דער שופט האט אים אינגאנצן באפרייט און ער איז ארויסגעגאנגען זכאי בדין. (אלחנן חיים טייטלבוים)

## תשסט) עס דערציילט אונזער זיידע
## כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

ווען ער איז נאך געווען א קליין קינד האט מען נאך כמעט נישט געזעהן קיין אידישע אינגלעך מיט לאנגע פיאות, ווייל אפילו די קינדער וואס זענען געגאנגען מיט פיאות האבן דאס ארויפגעדרייט ארום דעם אויער.

איינמאל איז ער געגאנגען מיט זיין מוטער די רביצין תחי' לרפו"ש אין מאנהעטן צו א דאקטער האט ער געהערט ווי א שגצ'ל פרעגט זיין מאמע אין ענגליש "דאס איז א עכטע מענטש?".

האט זיך די באבע אנגערופן "יא, מיר זענען עכטע אידן". (מנחם שלמה אשכנזי, פנחס מרדכי מייזליש)

## תשע) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' יוסף ווייס הי"ו

אלס אינגערמאן האב איך געארבעט אין הארדווער סטאר ביי מיין טאטן הרה"ח ר' מרדכי אהרן ע"ה.

מאכט זיך אמאל ווען עס קומען אריין גוים אין סטאר און זיי האבן זיך גענומען צו מאכן אן איבערקערעניש, איבערגעקערט באקסעס וכדומה. איך בין צוגעגאנגען אהין און איינעם מכבד געווען מיט א פאטש, און זיי זענען אוועק געגאנגען.

עס נעמט נישט לאנג די חברה זענען דא צוריק מיט זייער גאנצע משפחה, זיי שרייען קולי קולות, און מיט זיי איז מיטגעקומען א פאליסמאן, און ער זאגט מיר אז איך דארף מיט אים קומען אין געריכט.

איין טאג איידער עס איז געווען די קאורט קעיס בין איך אריין מיט א קוויטל צו רביה"ק **בעל דברי יואל** זי"ע און איך האב זיך מזכיר געווען פאר א ישועה. פרעגט מיך דער רבי צי איך האב גענומען א לויער. האב איך געזאגט אז נישט, ווייל איך האב נישט געוואוסט אז מ'דארף האבן א לויער. הייבט מיך דער רבי אן מסביר צו זיין אז אין געריכט רעדט מען נישט אליין, נאר א לויער רעדט במקומך און ער פארטיידיגט דיינע טענות.

נאכדעם פרעגט מיך דער רבי "וואס טענה'ן די גוים?", האב איך געזאגט אז איך ווייס נישט, נאר אזויפיל האב איך דארט געהערט אז אן ערלית האט געזאגט אז זיי האבן אונז פיינט ווייל מיר האבן א אנדערע גלויבן ווי זיי.

רופט זיך דער רבי אן בלש"ק "עס איז דא נאר איין באשעפער אויף די וועלט, זאלסט מצליח זיין!".

צומארגנס איז געווען דער געריכט, און די גוים זענען געקומען און גע'טענה'עט אז איך האב זיי געשלאגן ווייל מיר האבן א אנדערע גלויבן.

דער שופט פרעגט מיך צי איך האב א לויער, האב איך געזאגט אז נישט, ווייל כ'האב נישט געוואוסט אז מ'דארף האבן. פרעגט ער מיך וואס איך האב צו ענטפערן אויף זייערע טענות, האב איך געזאגט אז זיי זענען אריינגעקומען אין סטאר און זיי האבן געמאכט אן איבערקערעניש וועגן דעם האב איך אים געגעבן א פאטש.

דער שופט האט זיך אויסגעדרייט און געשמועסט מיט זיינע חברה, און דאן האט ער זיך אויסגעדרייט און אויסגערופן "עס איז דא נאר איין באשעפער", און ער האט ארויסגעווארפן די קעיס. חסדי ה'.

אזוי ווי איך האב געוואוסט אז דער רבי האט הנאה ווען מ'קומט צוריק אים דערציילן גוטע בשורות, בין איך אריבערגעגאנגען צום רבי'ן דערציילן וואו אזוי דער געריכט איז אריבער. עס איז געווען פארנאכטס און עס זענען געווען עטליכע חופות ביים רבי'ן, פלעגט דער רבי שפאצירן צווישן איין חופה און די צווייטע, בין איך צוגעגאנגען און דערציילט די מעשה, און איבערגעזאגט אז דער שופט האט געזאגט "עס איז דא נאר איין באשעפער".

רופט זיך דער רבי אן "אזוי ווי איך האב דאך געזאגט..." (אליעזר רובינשטיין, יואל רובינשטיין, אליעזר זוסמאן בראך, הערשל בערגער)